ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

**קובץ**
**שלשלת האור**

**היכל**
**תשיעי**

**שער**
**שלישי**

# דבר מלכות

•

**מאת**

כבוד קדושת

## אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

**משיחות ש״פ פינחס, מבה״ח מנחם־אב, כ״ד תמוז ה׳תנש״א**


יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים"**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושתים לבריאה

**הי׳ תהא שנת פלאות בכל**

מאה ועשרים שנה לכ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א


**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

**לזכות**

**כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א**

**מהרה יגלה אכי״ר**

* * *

**לז״נ**

הרה״ח הרה״ת ר׳ **צבי הירש** בן הרה״ח ר׳ **בן ציון** ע״ה

נלב״ע ז״ך אלול ה׳תש״מ

ומרת **רבקה** בת הרה״ח ר׳ **צבי** ע״ה

נלב״ע כ״ט תמוז ה׳תשס״ב

**שפריצער**

נתרם ע״י בניהם – יבלח״ט –

הרה״ת ר׳ **שמואל** והרה״ת ר׳ **יעקב מרדכי** שיחיו

**שפריצער**

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**

## בס"ד. משיחות ש"פ פינחס, מבה"ח מנחם־אב, כ"ד תמוז ה'תנש"א

א. איינער פון די חידושים אין אונזער פרשה איז — דער ענין פון נחלת וחלוקת ארץ ישראל צו יעדער שבט און צו יעדער איד.

שטייענדיק באַ דעם שוועל פון דער גאולה האמיתית והשלימה, כמובן פון די אַלע סימני הגאולה (ווי גערעדט לאחרונה כמ"פ) — איז פאַרשטאַנדיק אַז לכל לראש האָט מען דערפון דעם לימוד בנוגע צו נחלת וחלוקת ארץ ישראל בפשטות אין דער גאולה[1]. אָבער וויבאַלד אַז מ'שטייט נאָך אַ רגע פאַר דער גאולה, איז מובן אַז מ'דאַרף דערפון האָבן אַ לימוד אויך איצטער — וואָרום התורה היא נצחית[2], אַ הוראה נצחית לכל הזמנים ולכל ה־מקומות.

ויש לומר לויט דער הוראה פון דעם צמח־צדק צו אַ איד וואָס האָט געוואָלט עולה זיין אין ארץ ישראל צו דאָרט שוקד זיין בתורה ועבודה — "מאַך דאָ ארץ ישראל". היות אַז דאָס איז דערציילט ונתפרסם געוואָרן (דורך כ"ק מו"ח אדמו"ר[3]) צו יעדער איד, איז פאַר־שטאַנדיק אַז דערפון ווערט אַ הוראה פאַר יעדערן — אַז אויך ווען מ'געפינט זיך "דאָ", אין חוץ לארץ, און אין זמן הגלות (אפילו רגע האחרון שבה) — דאַרף מען "דאָ" — אין דעם מקום וזמן — מאַכן "ארץ ישראל".

דאַרף מען האָבן ביאור אין וואָס באַשטייט די עבודה פון "מאַך דאָ ארץ ישראל" — דלכאורה: ע"פ דין איז "דאָ" (חוץ לארץ) ניט "ארץ ישראל"! די שלימות העבודה בתומ"צ פון אַ אידן איז דוקא אין ארץ ישראל (כמבואר בכמה מדחז"ל[4]). און אויך זייענדיק "דאָ", אין מקום וזמן הגלות, איז אַ איד מתפלל (ופניו כנגד ארץ ישראל[5]) ג' פעמים בכל יום (חול) "וקבצנו יחד מארבע כנפות הארץ לארצנו"[6], וכיו"ב,

ובפרט בדורות האחרונים ובזמנים האחרונים, ובזמן הכי אחרון — וואָס לויט אַלע סימני הגאולה איז "הנה זה (משיח) בא"[7] (כדלקמן סי"א),

אין וואָס באַשטייט די הוראה "מאַך דאָ ארץ ישראל"?!

ובפרט אַז ברגע שלאחרי זה גייט מען שוין אַרויס פון גלות און מ'גייט אין ארץ ישראל כפשוטה.

ב. וועט מען עס פאַרשטיין בהקדים אַן ענין בפרשתנו:

בנוגע צו חלוקת ארץ ישראל וואָס איז געווען "על פי הגורל" — ווי געזאָגט בפרשתנו[8] — ברענגט רש"י[9] (פון מדרשי חז"ל[10]) אַז "הגורל הי' מדבר", "הגורל

1) ב"ב קכב, א.

2) תניא רפי"ז (כב, ב). ובכ"מ.

3) במכתבו מכ' מנ"א תרפ"ה — אגרות קודש שלו ח"א ע' תפה ואילך. וראה לקו"ש ח"ב ס"ע 621.

4) ראה כתובות קי, ב ואילך. וראה בארוכה אנציקלופדי' תלמודית ערך ארץ ישראל ע' ריח ואילך. ע' רכג ואילך. וש"נ.

5) ברכות ל, א. טושו"ע או"ח רסצ"ד.

6) ברכת תקע בשופר ב"שמונה עשרה".

7) שה"ש ב, ח. ובשהש"ר עה"פ.

8) כו, נו.

9) כו, נו. שם, נד.

10) תנחומא פרשתנו ו. במדב"ר פרשתנו פכ"א, ט.





ופועלים פעולתם, ועאכו"כ דורך דעם וואָס ער באַווייזט אַ דוגמא חי' פון זיין אייגענע עבודה. ביז אַז ער מאַכט אַז אויך די שומעים ווערן מדברים — "הגורל הי' מדבר".

ובנוגע לפועל: גלייך מוצאי שבת (אויב משיח וועט ח"ו ניט קומען פאַר דעם) — זאָל מען זען מפרסם זיין בכל מקום שהוא (באופן המותר לאחרי שבת) די הוראה "מאַך דאָ ארץ ישראל". און ממשיך זיין אין פרסום ההוראה בימים שלאחרי זה, ביז עס וועט קומען משיח צדקנו און דעמולט ממשיך זיין אין ארץ ישראל כפשוטה, נוסף על עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות.

טו. צווישן די ענינים מיוחדים אין דער עבודה פון "מאַך דאָ ארץ ישראל" וואָס זיינען שייך במיוחד צו די "ניין טעג" (וועלכע הויבן זיך אָן ביום הששי) — איז דער מנהג[80] צו מאַכן "סיומים" במסכתות הש"ס יעדער טאָג פון די "ניין טעג" (אפילו אויב מ'עסט דערנאָך ניט קיין סעודת בשר), פון ראש חודש ביז תשעה באב (אויך בערב תשעה באב ובתשעה (עשירי) באב — באופן המותר ע"פ שו"ע).

ומהטעמים בדבר — ווייל אין די טעג זוכט מען אַלע אופנים המותרים ווי מ'קען מוסיף זיין אין ענינים טובים ושמחים, און דורך דעם מגלה זיין דעם טוב פנימי אין דער ירידה פאַרבונדן מיט ימים אלו, אָנהויבנדיק פון "פקודי ה' ישרים משמחי לב"[81] — עושין שמחה לגמרה של תורה[82] [ומפני טעם זה איז כדאי אויך מאַכן אַ סיום ביום השבת פון די "ניין טעג", ובשנה זו — סיי שבת ב' אב, און סיי שבת תשעה באב (נדחה)].

ויהי רצון, אַז נאָך פאַר די התחלה פון די טעג זאָל שוין קומען די גאולה און מקויים ווערן דער יעוד יהפכו[83] ימים אלו "לששון ולשמחה ולמועדים טובים"[84],

און דורך דעם וואָס אידן טוען די עבודה פון "מאַך דאָ ארץ ישראל" בשלי־מות, צו איינגעוואוינען זיך צו דער גאולה — וועט מען תיכף ומיד ממש אַריינטאַנצן אין דער גאולה, און מ'וועט אַלע גיין טאַנצענדיג אין ארץ ישראל, און איינטייל נעמען אין חלוקת ארץ ישראל לע"ל "לשלשה עשר שבטים", דורך דעם אוי־בערשטן אַליין, "הקדוש ברוך הוא מחלק להם בעצמו"[1], ו(כנ"ל) עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות.

80) ספר המנהגים חב"ד ע' 46. וראה גם ספר השיחות תשמ"ח ח"ב ע' 564. ועוד.

81) תהלים יט, ט.

82) רמ"א יו"ד סו"ס רמו. או"ח סתקנ"א ס"י.

83) ירמי' לא, יג.

84) זכרי' ח, יט. רמב"ם סוף הל' תעניות.

העולם כולו (כמ"ש[77] „ואת העולם נתן בלבם").

והגם אַז זיין עבודה איז נאָר אין איין קו וכיו"ב [כדמוכח אויך פון די אידן וצדיקים וואָס האָבן שוין מסיים געווען שליחותם בעלמא דין, און וויבאַלד אַז כל ישראל בחזקת כשרות[78] דאַרף מען זאָגן אַז זיי (חלקם עכ"פ) האָבן מקיים געווען בשלימות שליחותם בעולם, אע"פ וואָס דאָס איז געווען ניט אין אַלע קוי העבודה] — איז באמת איז יעדער איד כולל אין זיך אַלע קוי העבודה — כמובן פון דעם וואָס מ'זאָגט בקריאת שמע על המטה „בין בגלגול זה בין בגלגול אחר", וואָס היות אַז דאָס איז אַ חשבון צדק, איז מובן אַז ער האָט בכח צו פועל'ן אויך בנוגע צו אַ גלגול אחר (וואָס דערפאַר קען ער אויף דעם מאַכן אַ חשבון הנפש), ועפ"ז איז פאַרשטאַנדיק אַז די עבודה פון אַלע גלגולים שלו איז זיך מצטרף אין זיין עבודה.

וואָס דערפון איז מובן, אַז יעדער איד — וואָס זיין שליחות בעולם זאָל נאָר זיין — האָט בכח צו מאַכן „דאָ (גאַנץ) ארץ ישראל", און דורך דעם — פועל'ן אַזוי בכל העולם כולו. אפילו אויב איינער איז אַ בעל עסק בעניני העולם, ניט קיין גבאי אין אַ בית הכנסת וכיו"ב, ובמילא קען ער לכאורה מיינען וואָס האָט ער פאַר אַ שייכות מיט קדושת „ארץ ישראל" (דאָס איז לכאורה שייך דוקא אין אַ ביהכנ"ס וביהמ"ד וכיו"ב) — איז נוסף לזה וואָס ער קען אין דעם האָבן אַ שותפות דורך זיך משתתף זיין בבנין ביהכנ"ס וביהמ"ד ב־ממונו וכיו"ב, איז אויך זיין עבודה פרטית (ווען ער טוט עס בשלימות לפי כחו) אין זיך כולל כל עניני העבודה און כל חלקי „ארץ ישראל".

ועפ"ז איז אויך פאַרשטאַנדיק, ווי יעדער איד האָט די אחריות צו ברענגען די גאולה פאַר כל העולם כולו — וואָרום דורך דעם וואָס ער טוט זיין עבודה פרטית בשלימות (במחשבה דיבור ומעשה), אפילו אין אַ פרט שבפרט — אין איין רגע און איין מקום („דאָ"), האָט ער בכח צו מאַכן דערפון „ארץ ישראל", און דורך דעם אויפטאָן און ברענגען די גאולה שלימה בכל העולם!

ובאותיות פשוטות: שטייענדיק קרוב גלייך פאַר דער גאולה — דאַרף יעדער איד זיך איינגעוואוינען צו דער גאולה און זיך אַריינשטעלן אין אַ מצב ורגש של גאולה, דורך מאַכן זיין פרטיות'דיקן טאָג אַ „גאולה (פרטית) טאָג", און מאַכן זיין מקום פרטי — „ארץ ישראל", דורך דעם וואָס ער טוט די עבודה שלו ברגע זה ובמקום זה בתכלית השלימות, במחשבה דיבור ומעשה.

יד. און אַלס אַ תוצאה פון די אייגענע שלימות העבודה (במחשבה דיבור ומעשה) — דאַרף זיך דאָס אויך אַרויס־זאָגען אין זיין דיבור, ע"ד ווי „הגורל הי' מדבר", אַז וויבאַלד ער איז דורכגענומען בפנימיות מיט דער הוראה ועבודה פון „מאַך דאָ ארץ ישראל", מיט אַן אינער־לעכע לעבעדיקייט — רעדט ער וועגן דעם מיט חיות אויך צו אַנדערע, און איז מפרסם די הוראה פון „מאַך דאָ ארץ ישראל" באַ בני ביתו, באַ די קרובים אליו, ועאכו"כ באַ זיינע תלמידים, ביז אַז ער רעדט וועגן דעם מיט די אַלע צו וועמען ער קען דערגרייכן, און וויבאַלד אַז דאָס קומט פון זיין פנימיות, רעדט ער דברים היוצאים מן הלב וואָס נכנסים אל הלב[79]

77) קהלת ג, יא. וראה לקו"ת במדבר ה, ריש ע"ב.

78) רמב"ם הל' קידוש החודש פ"ב ה"ב.

79) ספר הישר לר"ת סי"ג. הובא בשל"ה סט, א.





עצמו הי' צווח ואומר אני הגורל עליתי לגבול פלוני לשבט פלוני".

דאַרף מען פאַרשטיין דער טעם און די תועלת פון דעם נס: דער אויבערשטער מאַכט דאָך ניט אַ נס „למגנא"[11]. איז צוליב וואָס האָט ער געמאַכט דעם נס אַז „הגורל הי' מדבר". מען וואָלט אויך געהאַט דעם בירור בנוגע צו חלוקת הארץ (גבול פלוני לשבט פלוני) ע"פ הגורל (ווי דאָס איז באַ יעדער גורל בלי נס אַז הגורל מדבר)[12]?!

ואע"פ אַז דער אויבערשטער האָט גע־וואָלט באַווייזן אידן אַז דער גורל איז אַן אמת'ער ענין על פי ה' (און ניט באקראי) — איז דערצו שוין געווען אַ פריערדיקע נס וואָס האָט באַוויזן אַז „הגורל הי' על פי רוח הקודש": „אלעזר הכהן הי' מלובש באורים ותומים ואומר ברוח הקודש אם שבט פלוני עולה תחום פלוני עולה עמו"[13], וואָס דאָס האָט באַוויזן אידן אַז דער גורל איז אמת און ישר[14]. איז צוליב וואָס האָט מען געדאַרפט אָנקומען צו אַ נס[15] אַז „הגורל הי' מדבר"[16]?

ג. ויש לומר הביאור בזה:

וויבאַלד אַז דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט אַז „אך בגורל יחלק את ה־ארץ"[17] („על פי הגורל תחלק נחלתו"[8], „והתנחלתם את הארץ בגורל"[18]), און דוקא ע"י הגורל („אך בגורל") און ניט באופן אחר — דערפאַר האָט די חלוקה און דער בירור פון כל חלק בארץ גע־דאַרפט זיין דורך דעם גורל עצמו (און ניט דורך אַן אַנדער זאַך)[19].

ויש לומר אַז דעריבער איז אויך דער בירור באמיתית ענין הגורל געווען דורך דעם גורל עצמו („הגורל עצמו הי' צווח כו'"), וואָרום אויב ס'איז שייך אַ ספק צי דער גורל איז באקראי, און מ'דאַרף אָנ־קומען צו אַן אַנדער זאַך (רוח הקודש וכיו"ב) צו באַווייזן אַז דאָס איז אמת ומכוון — באַווייזט דאָס אַז דער גורל אַליין טוט ניט אויף די חלוקת הארץ בשלימות, און דערפאַר איז „הגורל עצמו הי' צווח כו'", דורך דעם האָט דער גורל עצמו אויפגעטאָן בשלימות די חלוקה, אַליין „געזאָגט" באופן ברור וגלוי אַז „גבול פלוני לשבט פלוני"[20].

11) דרשות הר"ן דרשה ח. ועוד.

12) ועפ"ז צלה"ב גם: מהו ההכרח ש„על פי הגורל" פירוש ש„הגורל הי' מדבר". דאף שלמדים זה מיתור הכתוב, שהרי לעיל מיני' נאמר „אך בגורל יחלק את הארץ" (ראה מפרשי המדרש שם. משכיל לדוד כאן) — הרי יש לפרש היתור כדרשת הגמרא (ב"ב קכב, א) עה"פ, ש„על פי הגורל" בא להוסיף שנתחלקה באורים ותומים (ראה רשב"ם ב"ב שם: על פי — משמע על פי אורים ותומים. וראה גם פרש"י עה"פ (בהמשך לדבריו ש„הגורל הי' מדבר"): מגיד שנתחלקה ברוח הקודש לכך נאמר על פי ה'. ואכ"מ), שאלעזר הכהן הי' מלובש באורים ותומים והי' מכוין ברוח הקודש לעליית הגורלות.

13) פרש"י פרשתנו שם, נד. מב"ב שם. וכ"ה בתנחומא ובמדב"ר שם.

14) רשב"ם ב"ב שם: ועי"ז מתקררה דעתן של ישראל שרואין שהגורל הי' עולה כמו שנתנבא תחלה ויודעים שחלוקה ישרה היא.

15) ראה תנחומא ובמדב"ר שם: „וזו היתה יתרה".

16) ולהעיר מתוד"ה אך — סנהדרין מג, ב. וראה ד"ה אך בגורל באוה"ת פרשתנו (ע' א'סד ואילך), תרכ"ו (ע' קעא. קעט־פ).

17) פרשתנו כו, נה.

18) מסעי לג, נד.

19) ראה רשב"ם ב"ב שם בביאור הטעם שלהגורל היו צריכים לשני קלפי „אחד לשבטים ואחד לתחומין ולא סגי בחד דתחומין ולימא עכשיו אני נוטל מה שיעלה בידי לצורך ראובן דא"כ אין כל החלוקה עשוי' בגורל וקרא קאמר אך בגורל וגו' בלא הוצאת דיבור מפיו".

20) והטעם (בפנימיות הענינים) שהיו צריכים

ד. דאָס דאַרף נאָך אָבער האָבן ביאור:

דער ענין הגורל איז ניט קיין ענין לעצמו, נאָר אַ מיטל — אַן אמצעי — אויף חלוקת הארץ וישוב הארץ. ועד״ז דער „דיבור״ פון דעם גורל איז ניט נוגע צו עצם חלוקת הארץ ע״פ הגורל, נאָר דאָס איז אַ דבר צדדי לכאורה — אַ הוכחה אויף אמיתית הגורל, אָדער לפרסם הדבר. איז למאי נפקא מינה בחלוקת הארץ אויב דער בירור באמיתית ענין הגורל (ופרסום הדבר) קומט דורך דעם גורל עצמו אָדער באופן אחר (דורך רוח הקודש פון די אורים ותומים, אָדער על פי ה׳ וכיו״ב). אפילו אויב דאָס קומט ניט דורך דעם גורל אַליין — איז מען אויך מקיים בשלימות דעם ציווי „בגורל יחלק את הארץ״.

בסגנון אחר: אויב דער גורל וואָלט געווען אַ מצוה און אַ תכלית לעצמה (און ניט צוליב אַ צווייטע זאַך — חלוקת הארץ), און „הגורל הי׳ מדבר״ וואָלט געווען אַ חלק פון עצם ענין הגורל וחלוקת הארץ על ידו, וואָלט מען געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס אַלע פרטים פון דער חלוקה — כולל דעם בירור אַז דער גורל איז אַן ענין אמיתי — דאַרפן אויפגעטאָן ווערן דוקא דורך דעם גורל עצמו; אָבער היות אַז דער גורל איז נאָר די וועג ווי דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז מ׳זאָל צוטיילן ארץ ישראל, ד.ה. אַז אין דעם איז נוגע די תוצאה פון דעם גורל (און ניט דער גורל עצמו) — איז בכדי מקיים זיין דעם ציווי „אך בגורל יחלק את הארץ״ איז לכאורה גענוג אַז מ׳זאָל מחלק זיין את הארץ ע״פ הגורל, און דער בירור באמיתית הדבר — וואָס איז אַ פרט צדדי — קען קומען באופן אחר; פאַרוואָס דאַרף דער אמת שבזה נתברר ווערן דוקא דורך דעם גורל עצמו, און מ׳דאַרף דערצו מאַכן אַ נס מיוחד, און ס׳איז ניט גענוג אַז מ׳זאָל דאָס וויסן דורך דעם נס אַז „הגורל הי׳ ע״פ רוח הקודש״ פון די אורים ותומים על ידי אלעזר הכהן?

ויש לומר בזה ע״פ דעם ביאור פון דעם ראָגאַטשאָווער[21], אַז אין תורה און אין קדושה איז „כל דבר אף שהוא הכרחי לכאורה הכל בכוונה מכוון ומצוה ע״פ ה״״. ווי דאָס איז בנוגע צו די מסעות פון אידן אין מדבר, אַז אע״פ וואָס דאָס איז אַ געווען אַ הכנה ואמצעי אויף אָנקומען אין ארץ ישראל — „הוה המצוה גם עצם ההליכה וכן המקומות שבאמצע הדרך הוה ג״כ מצוה״ (כמ״ש[22] „ויכתב משה את מוצאיהם למסעיהם על פי ה״״)[23]. ועד״ז בכמה עניני קדושה (בעבודת המקדש), איז אַ זאַך וואָס איז נאָר אַ הכנה והקדמה (מוכרחת) צו אַן אַנדער זאַך, באַקומט זי אויך אַ חשיבות וגדר פון קדושה[24]. ווי דאָס איז בנוגע צו הולכת הדם למזבח, אַז הגם די הולכה איז נאָר צוליב דער עבודה פון זריקת דם על המזבח (וואָס ע״פ טבע דאַרף דערצו זיין אַ הולכה), איז דער דין[25] אַז די הולכה גופא האָט די חשיבות און דעם גדר פון עבודה, ביז אַז „מחשבה פוסלת״ בה.

---

גם לרוה״ק (ע״י אורים ותומים) — ראה ד״ה אך בגורל תשל״ה ס״ט (סה״מ מלוקט ח״א ע׳ קמו).

21) ראה צפע״נ עה״ת ר״פ מסעי. מהדו״ת נא, ג. מפענח צפונות פ״ז. ובכ״מ.

22) מסעי לג, ב.

23) ראה עירובין נה, ב: כיון דכתיב בהו על פי ה׳ יחנו ועל פי ה׳ יסעו כמאן דקביע להו דמי (הובא בצפע״נ שם).

24) ויש לומר דוגמא לזה מחצר המשכן והקלעים, שאף שהם טפלים והקדמה לקדושת המשכן עצמה, נקבעת הקדושה גם בהם.

25) זבחים יג, א במשנה. רמב״ם הל׳ פסוה״מ פי״ג ה״ד.



משיחות ש״פ פינחס, מבה״ח מנחם־אב, כ״ד תמוז ה׳תנש״א

חודש, יעדער יאָר, און יעדע תקופה — זיין עבודה ושליחות מסויימת.

וואָס הגם אַז יעדע נקודה אין מקום און יעדער רגע אין זמן, און יעדערן׳ס שליחות בעולם — איז נאָר אַ חלק קטן פון כל העולם, כל המקומות וכל הזמנים, און אַמאָל קען איינער טראַכטן: ווי וואָלט געווען ווען ער וואָלט זיך געפונען במקום אחר בזמן אחר, אפשר וואָלט זיין עבודה געווען באופן אחר, און אפשר גאָר בעסער ווי דאָס איז יעצט, וכיו״ב;

ועד״ז קען ווערן די שאלה: וויבאַלד אַז מיין עבודה איז נאָר אין אַ קליינעם ווינקל בעולם, און אין אַ פרט שבפרט — איז למאי נפק״מ כ״כ ווי כ׳וויל זיך אין דעם אויפפירן, ועאכו״כ אַז דאָס האָט לכאורה ניט — לדעתו — קיין ווירקונג אויף די גאַנצע וועלט?

נאָכמער — פרעגט ער: ווי מאָנט מען פון אים אַז ער זאָל ברענגען די גאולה — אַ גאולה כללית פאַר דער גאַנצער וועלט — ווען זיין עבודה איז נאָר אין אַ חלק קטן בעולם (במקום ובזמן)?!

זאָגט מען יעדן אידן, אַז דו האָסט די הוראה פון נשיא דורנו — „מאַך דאָ ארץ ישראל״: דיין עבודה דאַרף באַשטיין — ניט אין טראַכטן וועגן וואָס עס טוט זיך אין אַן אַנדער עק וועלט און אין אַן אַנדער זמן בפני עצמם ולתועלת נפרדה — נאָר זיך אינגאַנצן אַריינלייגן (במחשבה דיבור ומעשה) אין מאַכן „דאָ ארץ ישראל״ — אין דיין מקום פרטי און אין יעדער רגע פון דיין זמן פרטי.

און דוקא דורך דעם וועסטו אויך אויפטאָן בכל העולם (בכל מקום ובכל זמן) — וואָרום אין דיין חלק בעולם איז נכללו אַלע חלקים בעולם,

[וע״ד ווי דאָס איז געווען בנוגע צו חלוקת ארץ ישראל — אַז אע״פ וואָס יעדער שבט (און יעדער משפחה בכל שבט) האָט באַקומען אַ חלק מסויים בארץ ישראל[69], האָט יעדער חלק אין זיך געהאַט אַלע מעלות פון (כל חלקי) ארץ ישראל (אויף וועלכע עס שטייט[70] „ארץ אשר גו׳ עיני ה׳ אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה״, ואמרו חז״ל[71] „אין ארץ ישראל חסרה כלום שנאמר[72] לא תחסר כל בה״) — כמאחז״ל[73] „אין לך מישראל[74] שאין לו בהר ובשפלה ובנגב ובעמק״[75]],

כמובן פון דעם וואָס „כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם״[76], וואָס וויבאַלד אַז כל העולם נברא בשבילו, איז פאַרשטאַנדיק אַז ער האָט בכח צו אויפטאָן בכל העולם, דורך דעם וואָס ער — בחלקו הפרטי — איז אין זיך כולל כל

---

69) לדעת רש״י — „לשבט שהי׳ מרובה באוכלסין נתנו חלק רב . . לא היו החלקים שווים הרי הכל לפי ריבוי השבט חלקו החלקים״ (פרש״י פרשתנו כו, נד), ולדעת הרמב״ן (שם), שחלקו הארץ לחלקים שוים לכל שבט (בין שאנשיו מרובים ובין שאנשיו מועטים), והכתוב „לרב תרבה נחלתו למעט תמעיט נחלתו״ לא על השבטים נאמר אלא על המשפחות שבתוך השבט עצמו (ראה בכל זה — אנציקלופדי׳ תלמודית ערך ארץ ישראל ע׳ רג. ערך גורל ע׳ תטז. וש״נ). ובכל אופן — „לא נתחלקה הארץ במדה לפי שיש גבול משובח מחבירו אלא בשומא בית כור רע כנגד בית סאה טוב הכל לפי הדמים״ (ספרי ופרש״י פינחס שם), היינו חלקים שוים באיכות.

70) עקב יא, יב.

71) יומא פא, ב.

72) עקב ח, ט.

73) ב״ק פא, ב.

74) ואית דגריס „אין לך שבט ושבט מישראל״ (תוד״ה העולם — ב״ב קכב, א).

75) אלא „בעולם הזה אין להם בשוה מזה כמו מזה, אלא מזה מעט ומזה הרבה, אבל לעולם הבא יש לו מן הכל שיעור שוה״ (תוס׳ שם).

76) משנה סנהדרין לז, א.

[כידוע[61] אַז אין שבת בכלל, ובפרט אין די שבתות פון „בין המצרים״, שטייט בגלוי די עלי׳ וואָס איז דאָ אין דעם זמן בשנה], וואָס גיט נאָכמער כח צו אויפטאָן דעם „מאַך דאָ ארץ ישראל״, און ברענגען די גאולה בפועל אין „גולה״.

אין דעם קומט צו נאָכמער בדורנו זה ובזמננו זה — ובהדגשה אין דער קביעות פון ר״ח מנחם אב בשנה זו, ביום השׁשי, וואָס דעמולט איז „הכל מוכן לסעודה״[62] פאַר אדם הראשון[63]: מ׳געפינט זיך איצטער אין דעם אלף הששי (וואָס איז כנגד יום השׁשי), און דעמולט גופא — „ערב שבת נאָך חצות״[64], און לויט אַלע סימני הגאולה האַלט מען שוין ממש באַ דער גאולה, ווי כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט מודיע, מפרסם און מכריז געווען, אַז מ׳האָט שוין אַלץ פאַרענדיקט, כולל אויך „צופּוצן די קנעפּ״[65], און אויך פאַרענדיקט דעם „עמדו הכן כולכם״[66], דאָס הייסט אַז ס׳איז שוין „הכל מוכן לסעודה״, און מ׳איז שוין גרייט צוגיין צום טיש, און עסן סעודת לויתן ושור הבר, וואָרום „הנה זה (משיח) בא״, תיכף ומיד ממש!

יב. וויבאַלד אַז די גאולה איז נאָך ניט געקומען ברגע זה, און בהשגחה פּרטית געפינט מען זיך נאָך „דאָ״, במקום וזמן זה — דאַרף מען זיכער דאָס אויסנוצן אויף מקיים זיין די הוראה „מאַך דאָ ארץ ישראל״, כנ״ל.

ובנוגע לפועל:

היות אַז „מאַך דאָ ארץ ישראל״ איז אַ הוראה וואָס כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו האָט מפרסם געווען (ולפני זה איז דאָס ניט געווען בגלוי, מער ניט ווי פאַר יחידי סגולה) — איז פאַרשטאַנדיק אַז דאָס איז אַ הוראה צו כל אנשי הדור, וואָס זיינען אַלע פאַרבונדן מיט דעם נשיא הדור („הנשיא הוא הכל״[67]).

ובמיוחד ווען מ׳שטייט אין די וואָכן ווען מ׳לייענט אין תורה וועגן נחלת וחלוקת הארץ, און אין אַ צייט ווען ס׳איז שוין „הכל מוכן לסעודה״ און מ׳שטייט באַ דעם שוועל פון דער גאולה און חלוקת ארץ ישראל בפשטות — דאַרף יעדערער נאָכמער צוגעבן אין זיין עבודה פון „מאַך דאָ ארץ ישראל״, כל אחד ואחת, אנשים נשים וטף, במקומו ומצבו הוא, און טאָן דאָס בתכלית השלימות במחשבה דיבור ומעשה שלו — און דורך דעם זיך איינגע־וואוינען צו דער שלימות פון מצב הגאולה (כנ״ל).

יג. יעדער איד האָט זיין חלק ושלי־חות בעולם וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן. איינער איז אַ בעל עסק (פון „זבולון״), אַ צווייטער איז ענינו לימוד התורה („יששכר״), וכיו״ב, און אין יעדער סוג גופא — האָט יעדערער אַ באַזונדער חלק ושליחות בעולם. און יעדערער געפינט זיך אין אַ חלק מסויים בעולם — וואו דער אויבערשטער האָט אים געפירט („מה׳ מצעדי גבר כוננו״[68]), וואָרום זיין שליחות איז דוקא אין דעם מקום.

ועד״ז בנוגע צו זמן — האָט יעדער רגע, יעדע שעה, יעדער טאָג, יעדער

61) ראה לקו״ש ח״ד ע׳ 1090 ואילך. חכ״ח ע׳ 280.

62) ל׳ המשנה — אבות פ״ג מט״ז.

63) סנהדרין לח, א.

64) סה״מ תש״י ע׳ 245. וראה אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״א ע׳ תקלא. ספר השיחות תש״נ ח״א ע׳ 256.

65) ראה שיחת שמח״ת תרפ״ט.

66) ראה אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ד ע׳ רעט. וראה „היום יום״ טו טבת.

67) פרש״י חוקת כא, כא.

68) תהלים לז, כג.





ויש לומר אַז עד״ז — און נאָכמער — איז בנוגע צו דעם גורל דורך וועלכן „יחלק את הארץ״: אע״פ וואָס דער גורל איז אַ הקדמה צו חלוקת הארץ, וויבאַלד אָבער אַז דאָס איז דער וועג אויף מחלק זיין את הארץ, און נאָכמער: חלוקת הארץ על פי הגורל איז אַ ציווי ה׳ (וכמה פעמים) — באַקומט עס (דער גורל) אַ חשיבות וגדר לעצמו (נוסף אויף דעם וואָס דאָס איז אַן אמצעי אויף חלוקת הארץ), און אויך די פרטים צדדיים שבזה — דער בירור אַז דער גורל איז ע״פ ה׳ און פרסום הגורל — זייענדיק פרטים פון אַ דבר שבקדושה, זיינען נוגע צו דעם עצם ענין;

און דעריבער איז געווען נוגע צו שלימות ענין הגורל — בקיום ציווי ה׳ אַז חלוקת הארץ זאָל זיין „על פי גורל״ — אַז „הגורל עצמו הי׳ צווח ואומר אני הגורל עליתי לגבול פלוני לשבט פלוני״, וואָס דאָס באַווייזט אַז דער גורל עצמו (וואָס האָט אַ חשיבות לעצמו) האָט בכח צו אויפטאָן חלוקת הארץ (בלי ספק), כנ״ל.

ה. דער ביאור אין דעם בפנימיות הענינים:

כיבוש, חלוקת וישוב הארץ באַדייט די עבודה פון אידן צו כובש זיין „ארץ כנען״, „ארצות שבעה גוים״[26], און דערפון מאַכן אַן ארץ ישראל, אַן ארץ הקודש, ד.ה. אַ אידישע און הייליקע לאַנד, אַ לאַנד אין וועלכן ס׳איז ניכר בגלוי איר שייכות צו אידישקייט, ג־טלעכקייט און הייליקייט, דורך דעם וואָס אידן נוצן אויס די לאַנד אויף דאָרט (און דורך איר) מקיים זיין די מצוות התלויות בארץ, און דאָרט אויפ־בויען דעם בית המקדש, אויף וועלכן דער אויבערשטער זאָגט[27] „ועשו לי מקדש ו־שכנתי בתוכם״.

וואָס דאָס איז די כוונה ותכלית פון דער גאַנצער בריאה — צו כובש זיין די גשמיות׳דיקע וועלט (כמ״ש[28] „פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה״) און מאַכן דערפון אַ דירה לו יתברך בתחתונים[29], אַן אָרט וואו דער אויבערשטער געפינט זיך בגילוי (כביכול ווי אַ מענטש אין זיין אייגענע דירה).

בכדי אַז די עבודת הכיבוש זאָל זיין בשלימות דאַרף עס זיין אין אַלע פרטים — סיי פון דעם נכבש און סיי פון דעם כובש: (א) כיבוש הארץ בשלימות הייסט ווען מ׳נעמט איין די גאַנצע לאַנד (ווי דאָס איז געווען בכיבוש ארץ ישראל). אויב עס בלייבט אַ חלק פון לאַנד וואָס מ׳האָט ניט כובש געווען — איז דער גאַנצער כיבוש ניט בשלימות[30] (אויך פון די חלקים פון לאַנד וועלכע מ׳האָט יע כובש געווען). כפשטות הענין, אַז דעמולט בלייבט אַ סכנה פון די מענטשן וואָס געפינען זיך אין דעם חלק הארץ שלא נכבשה. ועד״ז (ב) מצד דעם כובש: ווען איז דער כיבוש בשלימות — ובאופן אַז ס׳איז ניכר בגלוי אין דעם נכבש אַז ער איז אינגאַנצן איינגענומען געוואָרן דורך דעם כובש — ווען דער כובש לייגט זיך אַריין אין פעולת הכיבוש מיט אַלע זיינע כחות, בכל פרטי המציאות שלו, וואָס כללות פעולת האדם (הכובש) בעולם איז דורך זיינע דריי לבושים — מחשבה דיבור ומעשה[31]. אויב ער איז כובש די לאַנד ניט מיט אַלע

26) לשון רש״י ר״פ בראשית.

27) תרומה כה, ח.

28) בראשית א, כח.

29) תנחומא נשא טז. ועוד. תניא פל״ו.

30) ולהעיר שכיבוש ארץ ישראל צ״ל כיבוש רבים, „אבל יחיד מישראל או משפחה או שבט שהלכו וכבשו לעצמם מקום אפילו מן הארץ שנתנה לאברהם אינו נקרא ארץ ישראל כו׳״ (רמב״ם הל׳ תרומות פ״א ה״ב).

31) תניא פ״ד. וראה בארוכה סה״ש תש״נ ח״ב ע׳ 463 ואילך.

דריי לבושים (נאָר מיט מעשה אַליין אָן אַ פלאַן (במחשבה), און אָן די הוראות (בדיבור) לפקידי החיל און להנכבשים, אָדער נאָר מיט מחשבה און מעשה, וכיו"ב) — פעלט אין שלימות הכיבוש (און בדרך ממילא — אויך אין כיבוש פון אַלע פרטים פון מציאות הנכבש).

ועד"ז איז אויך בנוגע צו כיבוש העולם בעבודה רוחנית צו מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים — וואָס שלימות הדירה איז דוקא בשעת (א) דאָס נעמט דורך אַלע פרטים פון דער דירה עצמה (ע"ד הנכבש), אַז אין יעדער פרט פון דער דירה איז ניכר אַז דאָס באַלאַנגט צו דעם בעל הדירה, און (ב) פון דעם אדם הדר בהדירה, אַז ער שטייט אינגאַנצן בגילוי ובהתפשטות — בכל פרטי מציאותו (במחשבה דיבור ומעשה) אין זיין דירה, וויבאַלד אַז דאָס איז מקום קביעותו (דירתו). און אַזוי איז אויך כביכול בנוגע צו דער דירה לו יתברך בתחתונים: שלימות הדירה באַשטייט אין דעם אַז כל פרטי התחתונים (לשון רבים) זיינען אַ דירה בגלוי פון דעם אויבערשטן, און אַז עצמותו ומהותו ית' שטייט דאָרט בגלוי, צוזאַמען מיט אַלע זיינע „כחות" און „לבושים", די גילויים בסדר השתלשלות (עשר ספירות), וועלכע שטעלן זיך אויס בכללות אין מחשבה דיבור ומעשה (בריאה יצירה ועשי')[32].

ו. און וויבאַלד אַז די דירה לו יתברך בתחתונים ווערט אויפגעמאַכט דורך דער עבודה פון אַ אידן, איז פאַרשטאַנדיק אַז אויך באַ דעם אידן (הכובש את הארץ) דאַרף זיין די שלימות העבודה בכל פרטי הכחות ולבושים שלו, במחשבה דיבור ומעשה: נוסף אויף דעם וואָס ער מאַכט פון זיך אַליין אַ „דירה" צו דעם אויבערשטן, דורך דעם וואָס ער דינט דעם אויבערשטן מיט זיין מחשבה דיבור ומעשה — דאַרף אויך זיין עבודה בעולם (בקיום המצוות ועד"ז בדברי רשות לשם שמים) זיין מיט זיין גאַנצע מציאות, מחשבה דיבור ומעשה שלו.

כידוע אַז שלימות קיום המצוות איז דורך זיי מקיים זיין במחשבה דיבור ומעשה — סיי בכללות המצוות וועלכע טיילן זיך אויף מצוות התלויות במחשבה, התלויות בדיבור והתלויות במעשה [ובכללות: תורה וואָס איז בעיקר בדיבור, עבודה (תפלה) וואָס איז בעיקר בלב (מחשבה), און גמילות חסדים (מצוות) וואָס איז בעיקר במעשה[33]], און סיי יעדע מצוה עצמה דאַרף אַ איד מקיים זיין במחשבה דיבור ומעשה[34]: כוונת המצוה[35] (מחשבה)[36], ברכת המצוה[37] (דיבור) און מעשה המצוה (מעשה)[38].

דהגם אַז מן הדין זיינען פאַראַן

32) בהבא להלן ראה סה"ש תש"נ שם.

33) לקו"ת אחרי כה, סע"ד ואילך.

34) לקו"ת ריש פרשתנו. אוה"ת יתרו ע' תתקלז.

35) דקיי"ל מצוות צריכות כוונה (ברכות יג, א. וש"נ) — אוה"ת שם.

36) וגם להמ"ד שמצוות אין צריכות כוונה — צ"ל הקדמת המחשבה קודם המעשה.

37) ובמצוות אלו שאין מברכים עליהם — התפלה עולה במקום הברכה למצוות אלו (אוה"ת שם ע' תתקלח).

38) וגם במצות תלמוד תורה וק"ש ותפלה וכיוצא בהן אף שאינן בעשי' גשמית ממש כו', מ"מ הא קיי"ל דהרהור לאו כדיבור דמי (ברכות כ, ב) ואינו יוצא ידי חובתו עד שיוציא בשפתיו וקיימא לן דעקימת שפתיו הוי מעשה (סנהדרין סה, א), כי אי אפשר לנפש האלקית לבטא בשפתיים ופה ולשון ושיניים הגשמיים כי אם ע"י נפש החיונית הבהמית המלובשת באברי הגוף ממש כו' (תניא פל"ז — מז, א).





ער גרייט זיך צו אַ צווייטע זאַך); און דוקא די עבודה בשלימות „דאָ" (וויפל נאָר מ'קען דאָרט טאָן די עבודה בשלימות), געווינט איין דעם מענטשן (און ברענגט אים) צו דער שלימות העבודה אין ארץ ישראל בגאולה האמיתית והשלימה.

ועפ"ז איז מובן די הוראה „מאַך דאָ ארץ ישראל": הגם מ'געפינט זיך אין גלות און ברגע לאחרי זה קומט די גאולה און מ'גייט אין ארץ ישראל — (א) דאַרף די עבודה ברגע זה במקום זה — „דאָ" — זיין בשלימות לויט דעם איצטיקן מצב און דאָזיקן מקום, (ב) די עבודה דאַרף באַשטיין פון „מאַך דאָ ארץ ישראל", אַריינברענגען אין דעם „דאָ" (מקום וזמן זה) „ארץ ישראל", די שלימות פון מצב הגאולה — אַזוי ווי אַ „פנימי" וואָס ברענגט אַריין שלימות אין יעדער פרט פון זיין עבודה (אויך אין די ענינים וואָס זיינען נאָר אַ הכנה צו אַנדערע זאַכן), און (ג) דאָס גופא געווינט איין אידן צו דער גאולה, ביז אַז דאָס ברענגט די גאולה השלימה ווען אַלע אידן קערן זיך אום אין ארץ ישראל כפשוטה, ועתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות[54] (דורך דער עבודה איצטער פון „מאַך דאָ ארץ ישראל").

יא. דער ענין שטייט נאָכמער בהדגשה אין דעם וואָס בשנה זו איז דער שבת פ' פינחס (ווען מ'לייענט וועגן נחלת וחלוקת הארץ) אויך שבת מברכים ראש חודש מנחם אב, וועלכער קומט אויס בשנה זו ביום הששי בשבוע:

אע"פ וואָס אין תורה[55] ווערט דער חודש אָנגערופן בשם „אב", איז מנהג ישראל צו אים אָנרופן „מנחם אב", מ'איז מוסיף דעם וואָרט „מנחם", און נאָכמער: מ'הויבט גאָר אָן מיט „מנחם"[56]. ויש לומר איינער פון די טעמים אויף דעם — ווייל „מנחם", וואָס באַדייט נחמת הגאולה — איז די כוונה ותכלית פון (די ירידה בחודש) אב. און נאָכמער: „מנחם" (גאולה) איז די התחלה וואָס קומט פאַר אַלע ענינים של ירידה, כמאחז"ל[57] (עה"פ[58] „ורוח אלקים מרחפת על פני המים") אַז גלייך בתחלת הבריאה איז געווען „רוחו של משיח"[59], וואָרום גאולה איז דער יסוד וכוונה פנימית פון אַלע ענינים, אויך פון „אב" מלשון שרש ומקור (בלשון הש"ס — „אבוהן דכולהו"), דער מקור אויף אַלע ענינים (אויך עניני קדושה). ויש לומר, אַז דאָס גיט דערנאָך דעם כח, אַז ווען עס קומט אַ ירידה (בחיצוניות ולפי שעה) זאָל מען אין דעם קענען מגלה זיין ווי כל ענינה איז (ניט נאָר אַ הקדמה צו אַ צווייטע זאַך, נאָר דאָס גופא איז ענינה) — די עלי' („מנחם") שבזה. כידוע[60] אַז דער ענין פון „גאולה" באַשטייט פון „גולה" בתוספת אל"ף, ווייל דורך דעם גילוי פון אלופו של עולם אין גלות עצמה — ווערט דאָס גופא „גאולה".

און שטייענדיק בשבת מברכים מנחם אב — דער שבת ווען מ'בענטשט „מנחם אב" — שטייט נאָכמער בגלוי די כוונה פנימית אין דעם מצב הגלות „דאָ"

54) ראה פסיקתא רבתי פ' שבת ור"ח. יל"ש ישעי' רמז תקג. ועוד.

55) משנה תענית פ"ד מ"ה־ו. תרגום שני למג"א ג, ז. תיב"ע שלח יג, כה. ועוד.

56) ראה גם לקו"ש ח"ד ע' 1080 ואילך. חכ"ג ע' 214 ואילך. ועוד.

57) ב"ר פ"ב, ד. בעה"ט עה"פ.

58) בראשית א, ב.

59) וזהו גם א' מהביאורים במאחז"ל (רלב"ג מ"א יז, א. וראה תיב"ע וארא ו, יח. זח"ב קצ, סע"א. ועוד) „פינחס זה אליהו" (אף שאליהו הנביא הי' לאחרי פינחס) — כי ענינו של אליהו, מבשר הגאולה, שייך תיכף לתחלת הבריאה.

60) ויק"ר ספל"ב. לקו"ת בהעלותך לה, ג. ובכ"מ. וראה לעיל ע' 504 ואילך. ע' 520 ואילך.

חילוקים במצוות, מצוות התלויות בעיקר במעשה, אָדער בדיבור אָדער במחשבה (אָדער בשנים מהם אָדער בכל שלשה) — איז אָבער שלימות קיום המצוות, ובפרט ווען עס רעדט זיך ביחס צו מילוי שליחות האדם למטה (ניט נאָר וועגן שכר ועונש און עבודתו בדיעבד) — איז דאָס דוקא בשעת דער אדם איז מקיים די מצוה בתכלית השלימות, בכל מהותו ומציאותו, ווי דאָס איז בנוגע צו מצות אהבת ה' בקריאת שמע — וואָס איז כללות העבודה (וכולל אַלע מצוות) — לית פולחנא כפול־חנא דמהימנותא[39] — אַז דאָס דאַרף זיין „בכל לבבך בכל נפשך ובכל מאדך"[40]; און דערפון לערנט מען אָפּ און עס ווערט נמשך בנוגע צו כל עניני העבודה („פולחנא"), אַז דאָס דאַרף זיין בשלימות בכל כחו — במחשבה דיבור ומעשה,

[אפילו ביי אַ צדיק (ובינוני) וואָס איז מבחין אין דעם חילוק צווישן מצוות שבמחשבה שבדיבור ושבמעשה, ועאכו"כ ביי אנשים פשוטים, וואָס זיינען ניט אַזוי מבחין דעם חילוק, במילא זיינען זיי מקיים יעדע מצוה בפשטות מיט זייער מחשבה דיבור ומעשה].

און דורך דעם וואָס אַ איד טוט זיין עבודה בשלימות בכל הפרטים, דורך זיין מחשבה דיבור ומעשה — מאַכט ער אויף פון כל העולם — וואָס טיילט זיך אויך אויף דריי דרגות פון מחשבה דיבור ומעשה — אַ דירה לו יתברך. ווי דאָס איז אויך בפשטות, אַז ברוב הענינים איז ניכר אין דעם נפעל בעולם די פעולה פון דער מחשבה דיבור ומעשה פון דעם (כח ה)פועל, ובמילא, ווען דער אדם הפועל בעולם טוט אַ זאַך מיט אַלע זיינע לבושים (מחשבה דיבור ומעשה) איז דאָס ניכר אויך אין דער שלימות פון דער זאַך וואָס ער טוט אויף בעולם.

ז. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין דאָס וואָס „הגורל הי' מדבר":

כשם ווי די עצם עבודה פון כיבוש וישוב הארץ דאַרף זיין בתכלית השלי־מות, במחשבה דיבור ומעשה, אַזוי איז אויך בנוגע צו אַלע פרטים אין דער עבודה, און אויך די ענינים וואָס זיינען בלויז אַ הכנה והקדמה צו דער עבודה — אַז הגם זיי זיינען ניט קיין תכלית פאַר זיך, אָדער נאָר אַ פרט אין דער עבודה, דאַרפן זיי אויך געטאָן ווערן בתכלית השלימות, במחשבה דיבור ומעשה.

וכידוע דער פתגם פון דעם רבי'ן (מהורש"ב) נ"ע (איבערגעגעבן דורך בנו יחידו ממלא מקומו, כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו) — אַז אַ פנימי[41], אַלץ וואָס ער טוט, ליגט ער אין דעם אינגאַנצן:

אַמאָל ביי אַ פאַרברענגען האָט דער רבי נ"ע מרגיש געווען אַז די בחורים זינגען אַ ניגון היילנדיקערהייט, אַלס הקדמה צו דאָס וואָס וועט קומען לאחרי הניגון (אמירת חסידות וכיו"ב). האָט ער אויף דעם אָפּגעגעבן אַ גאַנצע שיחה[42], וואָס תוכנה איז, אַז אין דער עבודה פון אַ אידן דאַרף ער יעדער זאַך טאָן בשלימות. אפילו ווען עס רעדט זיך וועגן אַן ענין וואָס איז אַ הקדמה צו נאָך אַ זאַך — איז

39) ראה זח"ב נה, ב. ח"ג רסז, א. לקו"ת שלח מב, ג. ובכ"מ.

40) ואתחנן ו, ה.

41) להעיר מ„היום יום" דשבת זה פ' פינחס (כ"ד תמוז) בנוגע לעבודתו של פנימי.

42) שיחת י"ט כסלו תרס"ד (הנחת כ"ק מו"ח אדמו"ר) — ספר השיחות תורת שלום ע' 39 ואילך. וראה גם לקו"ד ח"א ט, א. ס' השיחות ה'ש"ת ע' 113 ואילך. שיחת כ' שבט תש"ל. ש"פ תצוה (לעיל [סה"ש תנש"א] ח"א ע' 352 ואילך). ועוד.



משיחות ש"פ פינחס, מבה"ח מנחם־אב, כ"ד תמוז ה'תנש"א

י. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין דעם לימוד דערפון אין עבודת האדם במקום וזמן זה, בהתאם צו דער הוראה פון דעם צ"צ (כנ"ל ס"א, צו דעם אידן וואָס האָט געוואָלט עולה זיין לארץ ישראל און דאָרטן שוקד זיין בתורה ועבודה) — „מאַך דאָ ארץ ישראל":

אע"פ וואָס „דאָ" (חוץ לארץ) איז ניט ארץ ישראל, און די עבודה אין חוץ לארץ און אין זמן הגלות איז אַ הכנה צו שלימות העבודה בגאולה האמיתית והשלימה בארץ ישראל (ווי אידן זיינען מתפלל בכל יום) — איז אָבער, וויבאַלד אַז אונזער זיין אין גלות אין חוץ לארץ איז זיכער ניט מקרה נקרית ח"ו, נאָר בהשגחה פרטית[49], ו„איני מבקש כו' אלא לפי כחן"[50] — איז דאָ אַ כוונה ותכלית אין דעם מקום ומצב עצמו, וואָס איז פאַרבונדן און מעין פון כללות הכוונה והענין (ארץ ישראל) צו וועלכע די עבודה אין גלות איז אַ הכנה,

און דעריבער דאַרף אַ איד עובד זיין עבודתו „דאָ" — במקום ובזמן זה — בתכלית השלימות (לויט די אַלע כחות ואפשריות במעמדו ומצבו) במחשבה ודיבור ומעשה, ווי אַ „פנימי" וואָס ליגט אינגאַנצן אין דער עבודה מיט וועלכן ער איז פאַרנומען איצטער (און טראַכט ניט בשעת מעשה וועגן אַן אַנדער עבודה שפּעטער);

און אין וואָס באַשטייט די כוונה פון זיין עבודה „דאָ" — צו מאַכן אַ דירה לו יתברך בתחתונים, ובלשון הצ"צ: „מאַך דאָ ארץ ישראל", צו מאַכן דעם מקום (וזמן) אַ לאַנד אין וועלכן ס'איז ניכר בגלוי אידישקייט (ישראל). היות אַז אַ איד איז „ישראל" בכל מקום שהוא — האָט ער בכח צו מאַכן פון דעם אָרט וואו ער געפינט זיך (דוגמת) „ארץ ישראל"[51], ובפרט אין די בתי כנסיות ובתי מדרשות בחוץ לארץ (בבל) שעתידין שיקבעו בארץ ישראל[52].

און נאָכמער: דוקא דורך דעם וואָס מ'טוט די עבודה בשלימות „דאָ" (במקום וזמן הגלות), מ'ליגט אין דער עבודה אינגאַנצן במחשבה דיבור ומעשה שלו — איז דאָס גופא געווינט איין דעם מענטשן און ברענגט אים צו די תכלית (צוליב וועלכע ער טוט די עבודה „דאָ") — די עבודה אין ארץ ישראל כפשוטה בגאולה האמיתית והשלימה. ע"ד מאחז"ל[53] אַז די מצוות בזמן הזה זיינען „ציונים", אַז „כשאתם חוזרים לא יהיו לכם חדשים".

ובפרט אַז עס רעדט זיך וועגן אַ הכנה צו דער גאולה האמיתית והשלימה, וואָס ענינה איז כשמה: אמת ושלימות בכל הענינים, בכל פרטי מציאות האדם והעולם. וואָס דערפון איז מובן, אַז שלימות הגאולה (וואָס ענינה איז דער גילוי השלימות בכל פרט, אויך אין די ענינים וואָס זיינען נאָר אַ הכנה צו אַ צווייטע זאַך) איז תלוי אין דעם גופא וואָס זייענדיק „דאָ" איז עבודת האדם בשלימות מחשבה דיבור ומעשה שלו, „מאַך דאָ ארץ ישראל" (און ניט באופן אַז ס'איז ניכר ווי

49) כמבואר בארוכה במכתב שבהערה 3. וראה גם לקו"ש ח"ח ע' 91.

50) במדב"ר פי"ב, ג.

51) ראה מאירי כתובות קי, ב: כל מקום שחכמה ויראת חטא מצויין שם דינו כארץ ישראל. ועד שאסור לצאת מבבל לשאר הארצות (מפני התורה והחכמה אשר שם), ראה בארוכה לקו"ש חי"ח ע' 399 ואילך.

ולהעיר מהדין שב"ד שנסמכו בא"י ויצאו לחו"ל ה"ה דנים (אפילו) דיני קנסות בחו"ל (רמב"ם הל' סנהדרין פ"ד הי"ב).

52) מגילה כט, א.

53) ספרי ופרש"י עקב יא, יז. וראה רמב"ן אחרי יח, כה.

בשעת מ׳געפינט זיך נאָך אין דעם מצב, דאַרף מען אין דעם ליגן אינגאַנצן[43]. „בכלל איז דאָס אַ עיקר גדול, אַז וואו מי איז זאָל מען זיין מיט אַ אמת", „וואו מ׳איז דאַרף מען דאָרטן זיין כו׳, כל זמן איך טוא דאָס דאַרף איך דאָ זיין", און דערנאָך וועט מען קומען צו דעם צווייטן ענין (צו וועלכן דאָס איז אַ הקדמה), און טאָן יענע זאַך בשלימות.

— ויש לומר אַז דער יסוד לזה אין נגלה דתורה (כידוע אַז אַלע ענינים אין פנימיות התורה שפיגלען זיך אָפּ אין נגלה) איז פון דעם ביאור הנ״ל (ס״ד) פון דעם ראָגאַטשאָווער בנוגע צו עניני קדושה, אַז אויך אַ הקדמה האָט אין זיך אַ חשיבות לעצמה.

ח. ועפ״ז יש לומר דער טעם אויף דעם נס וואָס „הגורל הי׳ מדבר":

כשם ווי די עצם עבודה פון כיבוש הארץ דאַרף געטאָן ווערן בשלימות, במחשבה דיבור ומעשה, אַזוי איז אויך בנוגע צו דער הכנה והקדמה לזה ע״י חלוקת הארץ על פי הגורל — אַז הגם דער גורל איז אַ הקדמה ואמצעי צו חלוקת, כיבוש וישוב הארץ, האָט דאָס אָבער אויך אַ חשיבות לעצמו (כנ״ל ס״ב), און דעריבער איז אויך דער גורל עצמו געווען בתכלית השלימות, דער גורל עצמו האָט אויפגעטאָן די גאַנצע חלוקה און אויך דער בירור האמת ופרסום הדבר („הגורל עצמו הי׳ צווח כו׳"),

און די שלימות דריקט זיך אויס אין דעם, אַז אין דעם גורל איז געווען אַלע דריי ענינים פון מחשבה דיבור ומעשה: נוסף אויף מעשה השלכת הגורל ונטילת הפתקין (ולפני זה — כתיבת הי״ב פתקין פון שמות שבטים און כתיבת שמות גבולות הארץ), און די מחשבה וכוונה וואָס מ׳דאַרף דערצו האָבן (נוסף אויף דעם וואָס דאָס איז געווען „על פי רוח הקודש", ענין המחשבה) — איז „הגורל הי׳ מדבר". חלוקת הארץ על פי הגורל — האָט זיך אויפגעטאָן בשלימות ע״י הגורל עצמו („אך בגורל", אָן קיין אַנדער זאַך[44]), ווייל נוסף צו דעם עצם הגורל (מעשה ומחשבה שבו) וואָס האָט אָנגעוויזן ווי די חלוקה דאַרף זיין, „הגורל עצמו הי׳ צווח ואומר — באופן ברור וגלוי (אַזוי אַז עס בלייבט ניט קיין שום ספק בדבר) — אני הגורל עליתי לגבול פלוני לשבט פלוני".

ויש לומר דעם טעם פאַרוואָס די שלימות האָט זיך אויסגעדריקט דוקא אין דעם נס וואָס „הגורל הי׳ מדבר" („על פי הגורל"), און ניט אין מחשבה ומעשה — ווייל בכדי עס זאָל זיין אַ גורל איז מוכרח אַז עס זאָל זיין מעשה און מחשבה (מעשה הגורל ע״פ המחשבה וכוונה שבזה). דער אבן הבוחן אַז דאָס ווערט געטאָן בתכלית השלימות — איז דורך דעם ענין הדיבור, וועלכער ברענגט אַרויס די תוצאות פון דעם גורל בשלימות הבירור והגילוי, און דאָס באַווייזט אַז דער גורל עצמו איז בתכלית השלימות (במחשבה דיבור ו־מעשה). ווי דאָס איז אין עבודת האדם, אַז דיבור איז דער עיקר אבן הבוחן ווי דאָס נעמט דורך דעם אדם העובד (הכובש), און אויך ווי ער פועל׳ט אין דעם זולת (הנכבש).

ט. ובטעם הדבר [פאַרוואָס אַ „פנימי"

43) וראה תורת שלום (ע׳ 52) שם שמביא דוגמא לזה מזהר ס״פ פקודי גבי מעשה המשכן, שההוא סבא פתח בענין מעשה המשכן והתחיל לדבר בענין אחר, ואמרו לו למה זה מהרת, „וויבאַלד דו האַלסט דאָ דאַרפסטו דאָ מפרש זיין".

44) גם „בלא הוצאת דיבור מפיו" (רשב״ם דלעיל הערה 19), כ״א הדיבור של הגורל עצמו.





ליגט אינגאַנצן אין יעדער עבודה וואָס ער טוט, אפילו די וועלכע איז אַ הקדמה צו אַ צווייטע זאַך] איז דער רבי נ״ע מסביר (אין דער שיחה הנ״ל) צוויי טעמים: (א) דאָס באַווייזט אויף אמת און פנימיות — אַז וואו מ׳איז איז מען מיט אַן אמת און אַ פנימיות. (ב) דוקא דורך טאָן די הקדמה בשלימות — וועט מען דערנאָך נעמען אויך דעם עצם בשלימות. היות אַז דאָס איז אַן אמת׳ע הקדמה (ע״פ תורה), במילא וואָס מערער ער וועט ליגן אין דער הקדמה (און ניט איילן), וועט ער אַלץ מער קענען דערנאָך ווייטער און טיפער פאַרשטיין דעם עצם הענין.

ויש להוסיף, אַז וויבאַלד אַז דער אויבערשטער האָט אויסגעשטעלט טבע הדברים אַז איידער מ׳קומט צו דעם עצם זאַך גייט מען פריער דורך אַ הכנה והק־דמה (אָדער כמה הכנות), בכדי אַז דער מענטש און די וועלט זאָל דערצו איינגע־וואוינט ווערן (בלשון החסידות: ווערן אַ כלי צו דעם אור המשפיע) — דעריבער איז אויך די הכנה והקדמה עצמה נוגע צו קולט זיין בפנימיות דעם עצם הענין, און דערפאַר באַקומט עס אַ חשיבות לעצמה, מעין פון דער חשיבות פון דעם עצם ענין (די תכלית המכוון), און מ׳דאַרף עס טאָן בתכלית השלימות, איידער מ׳קומט אָן צו דעם עצם הדבר.

ווי דאָס איז בנוגע צו כללות ענין החינוך, אַז וויבאַלד אַז דאָס איז אַ הכנה מוכרחת צו קיום המצוות, דעריבער באַקומט עס אַ חשיבות וענין לעצמו [ואדרבה: במדה מסויימת איז דאָס „העכער" פאַר גדר מצוה, ווי גערעדט אַמאָל[45]], און מ׳דאַרף זיך מיט דעם אינ־גאַנצן אָפּגעבן בכל ההשתדלות והכחות.

ובעומק יותר: וויבאַלד אַז די כוונה פון דירה בתחתונים איז אַ כוונה אחת פון ה׳ אחד [נוסף לזה וואָס יעדער זאַך בעולם ווערט באַשאַפן בכח העצמות, וואָס „הוא לבדו בכחו ויכלתו לברוא יש מאין כו׳"[46]], און מילוי כוונה זו בשלימותה ווערט דורכגעפירט דורך אַלע פרטים פון תחתונים — כולל אויך די ענינים וואָס זיינען נאָר אַ הכנה והקדמה צו אַ צווייטע זאַך — איז מצד די כוונה בעצמותו ית׳, איז דאָ אין יעדער זאַך בעולם (אויך די פרטים הטפלים, והכנות וכו׳) דער כח הא״ס, דער כח העצמות אין דער זאַך, וואָס מאַכט די זאַך אַליין פאַר אַן ענין אמיתי, מיט אַ תכלית וכוונה, און דעריבער דאַרף אין דעם זיין די עבודה בשלימותה, במחשבה דיבור ומעשה (און דוקא דורך דעם פירט זי דורך איר תכלית אַלס הכנה וואָס פירט צו צו דעם עצם הענין).

ובפרטיות יותר איז דאָס אַזוי אויך אין מחשבה דיבור ומעשה עצמם: מחשבה ודיבור זיינען אַ הכנה והקדמה צו מעשה — וואָס המעשה הוא העיקר[47]. אָבער דורך דעם וואָס זיי ברענגען לידי מעשה, און די מעשה איז מיוסד אויף דער מחשבה ודיבור — ווערט אויך אין זיי אויפגעטאָן אַ חשיבות לעצמם. ע״ד ווי דאָס איז בנוגע צו כללות סדר השתלשלות, אַז דורך דער עבודה אין מאַכן אַ דירה בתחתונים (ע״ד ענין המעשה בערך מחשבה ודיבור), וואָס דאָס קומט בכח ועל יסוד פון די גילויים בעולמות העליונים — ווערט אויפגעטאָן אַן עלי׳ און גילוי כח הא״ס אויך אין די עולמות העליונים (אע״פ וואָס מצד עצמן זיינען זיי אַ „ירידה מאור פניו ית׳"[48]).

45) ס׳ השיחות תשמ״ח ח״ב ע׳ 615. ועוד.

46) אגה״ק ס״כ (קל, ריש ע״ב).

47) אבות פ״א מי״ז.

48) תניא פל״ו.